# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פורים תשפ"ה שנה י | גליון מס' 573



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## רזי אמונים

### רמזי אמן אין מגילת אסתר

### מרדכי הצדיק האט מחנך געווען אסתר אז זי זאל זאגן 'אמן'

**"וַיְהִי אֹמֵן אֶת הֲדַסָּה הִיא אֶסְתֵּר בַּת דֹּדוֹ כִּי אֵין לָהּ אָב וָאֵם וְהַנַּעֲרָה יְפַת תֹּאַר וְטוֹבַת מַרְאֶה וּבְמוֹת אָבִיהָ וְאִמָּהּ לְקָחָהּ מָרְדֳּכַי לוֹ לְבַת"** (אסתר ב ז)

פון ווען איז א קינד זוכה צו זיין א בן עולם הבא? פרעגט די גמרא - אויף דעם ענטפערט דער תנא רבי מאיר (סנהדרין קי ב): "משעה שיאמר אמן" - פון ווען דער קינד זאגט 'אמן'.

דער רמ"א ברענגט אראפ דער געדאנק אין הלכה און פסקנ'ט (או"ח קכד ז): "וילמד את בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן, יש לו חלק לעולם הבא" - אז וועגן דעם זאל מען גלייך לערנען מיט די קינדער צו זאגן אמן - אז דער קינד זאל גלייך האבן א חלק אין דער עולם הבא.

א שיינער רמז פון די מגילה איבער מחנך זיין קליינע קינדער צוזאגן 'אמן' ברענגט דער דער בעל שבט מוסר רבי אליהו איזמיר אראפ:

ער איז מדייק דער לשון הפסוק "וַיְהִי אֹמֵן אֶת הֲדַסָּה".

לויט די פשוטע פשט פון דער פסק אז עס מיינט אויפהאדעווען, וואלט געדארפט שטיין 'אומן' מיט א ויו, אבער עס שטייט אן א ויו ווייל די מגילה וויל אונז לאזן הערן אז פון קליינווייז אן האט מרדכי אויסגעלערנט אסתר צו זאגן 'אמן' און אז דאס איז געווען א חלק פון איר 'אומן - ערציאונג'.

דער פסוק פירט אויס אז מרדכי הצדיק האט זיך געפירט אזוי "כִּי אֵין לָהּ אָב וָאֵם" - ווייל אסתר המלכה האט נישט געהאט קיין טאטע און קיין מאמע וואס זאלן איר ערציען און געווענליך ליגט דער פליכט אויף די עלטערן אבער אזוי ווי מרדכי הצדיק איז געווען איר ערציער און ער האט איר אויסגעלערנט צו זאגן 'אמן'.

('מנחת אליהו' פרק לא ענין פורים).

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די נס פון פורים - אין זכות פון אמן!

כלל ישראל האט זוכה געווען במשך די יארן צו אסאך אפענע ניסים אבער מיט איין נקודה איז די נס פון פורים אנדערש פון אלע אנדערע ניסים וואס מיר קענען - דער נס פון פורים איז א שלימות'דיגער נס.

כלל ישראל איז ניצול געווארן בשלימות! קיין שום איד איז נישט ארויס פון די נס געשעדיגט, עס איז נישט געווען קיין קרבנות.

די איינציגסטער וואס איז יא ארויס מיט נזק איז געווען המן הרשע. ער האט געוואלט אומברענגען כלל ישראל אבער לבסוף האט מען אים אומגעברענגט.

מערערע מאל האבן מיר שוין אראפגעברענגט די ווערטער פון אליהו הנביא וואס ווערט אראפגעברענגט אין תנא דבי אליהו [רבה י] איבער די כח פון אמן און ווי אזוי עס איז מגין אויף אונז און אויף גאנץ כלל ישראל.

דער לשון בשלימות איז : **"ב[זכות] מי הקדוש ברוך הוא נפרע להם לישראל מן הגויים? ב[זכות] בני אדם שמשכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן...".**

אז מען איז זיך מתבונן אין די נס פון פורים און מען זעט אז קיין שום איד איז נישט געטשעפעט געווארן אין איר און אז עס איז מקויים געווארן דער "נפרע להם לישראל מן הגויים" מיט אזא שלימות און עס מוז זיין אז דאס נעמט זיך מכח דער 'אמן'.

צו דער יסוד קען מען צולייגן די ווערטער פון דער שבט מוסר אויף דער פסוק פון מגילה (אסתר ב ז): "וַיְהִי אֹמֵן אֶת הֲדַסָּה הִיא אֶסְתֵּר" אז וועגן דעם שטייט "אֹמֵן" חסר ווייל עס זאל זיין די זעלבע אותיות ווי "אמן" מרמז צו זיין אז מרדכי הצדיק האט אויפגעצויגן אסתר המלכה און אז א חלק פון די חינוך איז געווען אז ער האט איר אויסגעלערנט צו ענטפערן 'אמן'.

איך האב געטראכט אז מיט דער מהלך קען מען אויך פארשטיין וואס עס שטייט ווייטער אין די מגילה (שם כ) "ואת מאמר מרדכי אסתר עושה **כאשר היתה באמנה אתו**" אז עס איז א רמז אז אסתר המלכה האט ממשיך געווען צו היטן אויף די 'אמן' אויך שפעטער.

עס קען זיין אז וועגן דעם צייכנט דער פסוק צו די זאך אנהייב פון די הצלה צו לערנען מיט'ן כלל ישראל אז די שורש ההצלה פון כלל ישראל איז געווען מיט די 'אמן' אזוי ווי עס איז געווען ביי די מלחמה פון סיסרא.

א איד האט אריינגעשיקט א רמז דערצו אנווייזנדיג אז דער ווארט 'אמן' איז ראשי תיבות 'נס מרדכי אסתר'.

נאך א רמז איבער די כח פון אמן טרעפט מען אין די 'יוצרות' וואס מען זאגט פרשת זכור. דארטן איז דער פייטן מדגיש די כח שרייבנדיג : **להזכיר קדושת נוצר אמונים, להעריץ זכירת גוי שומר אמונים, ובשם ישראל מתכנים"**. עס קען זיין אז דער פייטן איז מרמז אז דער "נוצר אמונים" איז הקב"ה און כלל ישראל רופט ער אן "גוי שומר אמונים".

מיט דעם איז ער מרמז אז די נס פון פורים איז געשען מכח פון 'אמן', אז הקב"ה האט נוצר געווען די זכות פון 'אמן' פאר'ן כלל ישראל און אז דורכדעם איז מען ניצול געווארן פון המן האגגי'.

מיט דעם דערהער פארשטייט מען אויך די ווערטער פון דער בעל "קב הישר" ווען ער פטירה עס פאלט אויס שושן פורים אז די זעלבע אורות וואס האבן געשיינט און באלאכטן די וועג פון מרדכי ואסתר שיינען אויך אויף דער וואס ענטפערט 'אמן' - ווייל דער אור און די שפע וואס כלל ישראל האט געהאט אין יענע יארן האט מען געהאט אין די כח פון אמן.

טייערע אידן! יעדער פון אונז דארף רחמי שמים. מען דארף רחמים בפרטות און אויך בכללות אז די וואס שטייען אויף קעגן כלל ישראל זאלן אונטערגיין.

מיר האבן די ווערטער פון אליהו הנביא איבער די גרויסע כח פון 'אמן' און לאמיר עס אויסנוצן. מיט א פלייסיגקייט ווען מיר אויפשטיין פרי און קומען פרי אין שול און ענטפערן 'אמן' מיט א ברען און זוכה זיין צו זען מיט אונזערע אויגן ווי עס ווערט מקויים די פסוק אין מגילה (שם ח טז): "ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר".

**מיט א קריאה פון "להעריץ זכירת גוי שומר אמונים"!**

**פורים שמח,**

יעקב דוד מארמארשטיין

ברכות השחר כהלכה

בקול | בכוונה | בחברותא

# — א ברכה וואס איז בורא נפשות —

נאך די שווערע און די ביטערע קריג האט זיך דער באבובער רבי האדמו"ר רבי שלמה זצ"ל צוריקגעקערט צו די שטאט באבוב אויפצוזוכן די שארית הפליטה און זען וואס איז געבליבן פון די אמאליגע בליענדע באבובער הויף.

איידער די קריג איז די באבובער חסידות געווען אן אימפעריע. הונדערטער חסידים און בחורים פלעגן אנפולן די ישיבות און די לעכטיגע טישן אין דער הויף, אבער יעצט איז די שטאט געווען וויסט און פוסט.

אויך דער רבי אליין האט פארלוירן זיין גאנצע משפחה, זיין פרוי, זיינע קינדער, בלויז זיין זון רבי נפתלי זצ"ל איז געבליבן אין די שארית הפליטה.

בלויז דרייצן יונגע יתומים האט דער באבובער רב געטראפן אין די שטאט און באשלאסן צו נעמען זיי אונטער זיין שוץ.

די קינדער זענען געווען ארעם, הילפלאז, זיי האבן פארלוירן זייער טאטע, זייער מאמע און יעצט האבן זיי גע'חלומ'ט אנצוהייבן א לעבן פונדאסניי.

א שטיק צייט האט דער באבובער רב זצ"ל געלעבט אין די שטאט באבוב, אבער מיט די צייט זענען די אומשטענדן צו בלייבן וואוינען אין אייראפע געווארן שווערער און שווערער.

ווען די באבובער חסידים וועלכע זענען געווען אין אמעריקע נאך פאר די קריג האבן אים געשיקט אן איינלאדונג ער זאל קומען קיין אמעריקע און דארט איבערפלאנצן די חצר, האט ער אנגענומען די ביטע און זיך אריבערגעצויגן קיין אמעריקע.

אינאיינעם מיט די 13 יונגע יתומים האט זיך דער באבובער רב ארויסגעלאזט קיין אמעריקע און געעפענט א שול, מוסדות און אויך א ישיבה.

די ערשטע בחורים פון די ישיבה זענען געווען די דרייצן יתומים וועלכע ער האט מיטגעברענגט מיט זיך קיין אמעריקע.

צווישן די ערשטע בחורים אין די ישיבה האט זיך געציילט איין בחור וואס האט געהייסן זושא.

זושא, א בחור וואס איז שוין געבוירן געווארן אין אמעריקע, ביי די בעלי בתים וואס האבן געוואוינט אין אמעריקע איז געווען אלט זעכצן יאר ווען ער איז אריבערגעקומען פון די 'תורה ודעת' ישיבה צו די באבובער ישיבה און זיך איינגעגלידערט אין איר.

די באבובער ישיבה איז בימים ההם געווען די ערשטע חסידישע ישיבה אין די געגענט. אנהייב האבן אסאך געקווענקעלט אויב עס גייט מצליח זיין צי נישט אבער מיט די צייט איז דער שטראם צו די ישיבה געווארן גרעסער און גרעסער, מער און מער בחורים פון די 'תורה ודעת' ישיבה זענען אריבערגעקומען צולערנען אין די באבובער ישיבה.

אין די ערשטע יארן - ווען די ישיבה איז געווען קליין - איז די נאנטקייט צווישן דער באבובער רב רבי שלמה מיט די בחורים געווען אויסטערליש שטארק. דער רב האט זיך כסדר געדרייט אין ישיבה צווישן די בחורים און פאברענגט מיט זיי.

א שיינער מנהג האט דער באבובער רב געמאכט. יאר יערליך ווען עס איז געקומען צוגיין דער יום טוב פון שושן פורים פלעגט דער באבובער רב ארומגיין און באזוכן געוויסע חסידים אין זייער שטוב, בעיקר משפחה מיטגלידער פון דער באבובער רב, אבער אויך ער האט באזוכט די זקני החסידים אין יענע יארן.

אויבנאויף האט עס אויסגעזען ווי די באזוכן זענען צו דערפרייען די חסידים און זיי צו ערמוטיגן אבער די נאנטע ביים רבי'ן האבן געוואוסט אז די ביי די באזוכן איז דער רבי אויך ממשיך ישועות פאר די נאנטע.


דער באבובער רבי האדמו"ר רבי שלמה זצ"ל

דער באבובער רב וועלכער האט דאך געהאט א שטארקע נאנטקייט מיט די האט גוט געוואוסט די צרכים פון יעדן חסיד און האט משפיע געווען פאר זיי ישועות והשפעות און אסאך אידן זענען געהאלפן געווארן פון יענע באזוכן.

דער סדר איז געווען אז דער רבי איז אריינגעקומען אויפגעלייגט, צופרידן, אויפגעהייטערט זאגנדיג מיט א התלהבות א גוט יום טוב, א גוטן פורים און זיך זעצן ביים שפיץ טיש און מאכן א לחיים און טיילן שטיקלעך מזונות און לחיים גלעזל פאר יעדער חסיד באזונדער.

נאך דעם וואס יעדער האט באקומען די שטיקל לעקעך פלעגט דער רבי מאכן א ברכה און אלע חסידים האבן געענטפערט אמן. דער רבי פלעגט טרינקען א טראפ פון די משקה - נישט אריינצוגיין אין א שאלה פון נאך ברכה און נאך דעם געווינטשן לחיים און ממשיך געווען צו די נעקסטע אדרעס.

מיט די יארן האט זיך פארמירט א שטיקל קביעות - צו וועמען ער גייט יא און צו וועמען נישט אבער יענער יאר איז געווען א חידוש. דער רבי האט געלאזט רופן דער גבאי און אויסגעדרוקט זיין באגער צו גיין באזוכן אין שטוב פון ר' זושא.

די ארומיגע האבן פארשטאנען די כוונה, דער ר' זושא, וועלכער איז שוין בימים ההם געווען פון די ראשי הישיבה אין באבוב האט בימים ההם געהאלטן ניין יאר נאך די חתונה און האט נאכנישט זוכה געווען צו זרע של קיימא.

"זיכער וויל דער רבי פועל'ן פאר אים א ישועה". האבן די חסידים געשעפשעט צווישן זיך.

די שיירא האט זיך ארויסגעלאזט צו די שטוב פון ר' זושא. אויך דארט האט מען זיך אוועקגעזעצט און דער רבי האט געשניטן שטיקער פון די מזונות און עס פארטיילט פאר'ן ציבור.

צווישן די אידן פארוועמען דער רבי האט פארטיילט די לעקעך איז אויך געווען דער געטרייער גבאי ר' שמואל. ווען עס איז אנגעקומען זיין רייע צו באקומען א שטיקל לעקעך האט דער באבוער רבי אים געבעטן ער זאל אים אנגרייטן א גלאז טיי.

אין איילעניש האט זיך דער גבאי געיאגט און געברענגט א גלאז ווארעמע טיי פאר'ן רבי'ן.

די בקשה איז געווען אויפפאלענד. נארמאל האט דער רבי נישט געטרינקען קיין סאך אין אנדערע שטובער נאר געגעבן א זופ פון די משקה אבער דא בעט ער א בקשה.

א שטיק צייט דערויף האט ר' שמואל דערלאנגט די טיי פאר'ן רבי'ן.

דער רבי האט גענומען די טיי אין זיין האנט און נאכאמאל געגעבן לעקעך פאר ר' שמואל.

"ער האט שוין באקומען". האט איינער פון די נאנטע דערמאנט דעם רבי'ן אבער דער רבי האט זיך נישט געלאזט.

"ער דארף נאך איינס....".

איין בן יחיד האט דער גבאי געהאט, מיט דעם האט דער רבי געוואלט ממשיך זיין נאך א קינד.

נאך דעם וואס דער רבי האט געענדיגט טיילן די לעקעך האט ער גענומען די טיי אין די הענט אריין. די הייסע טיי וועלכע איז ביני לביני געווארן קאלט, האט ער אנגעכאפט און געמאכט די ברכה.

"**בורא נפשות רבות**..." האט דער רבי געזאגט הויך ווען די ארומיגע שפירן א טרייסל ביי זיך.

דער רבי האט געשוועבט אין העכערע עולמות, זיינע אויגן זענען געווען פארמאכט, זיין פנים איז געווען רויט אויסזעענדיג ווי א פלאם פייער ווען ער מאכט די ברכה.

די ארומיגע האבן געענטפערט 'אמן' מיט א קול, מיט כוונה און דער רבי האט זיך געגרייט אהיימצוגיין צו זיין עבודת הק'.

די מעשה איז געבליבן איינגעקריצט ביי די חסידים אין זכרון און א יאר דערויף איז געבוירן געווארן א קינד ביי ר' שמואל, א שטיק צייט שפעטער איז געקומען די בשורה טובה אז אויך ביי ר' זושא איז געבוירן געווארן א מיידל בעיבי.

צוואנציג יאר שפעטער וועלן די צוויי אידן זיך משדך זיין, דער זון פון ר' שמואל וועט ווערן איין איידעם ביי ר' זושא און דער באבובער רב איז געווען דער מסדר קידושין.

ויהי הדבר לפלא.

'מילה אחת - אמן', עמ' 165

## איין מינוט תפילה איז בעסער ווי טויזנט השתדלות

**"וַתָּבוֹאנָה נַעֲרוֹת אֶסְתֵּר וְסָרִיסֶיהָ וַיַּגִּידוּ לָהּ וַתִּתְחַלְחַל הַמַּלְכָּה מְאֹד וַתִּשְׁלַח בְּגָדִים לְהַלְבִּישׁ אֶת מָרְדֳּכַי וּלְהָסִיר שַׂקּוֹ מֵעָלָיו וְלֹא קִבֵּל"** (ד ד)

די מגילה דערציילט אונז אז ווען אסתר המלכה האט געזען אז מרדכי הצדיק גייט אנגעטון מיט א זאק האט אסתר המלכה געשיקט צו אים א שליח מיט קליידער, אז ער זאל טוישן זיינע קליידער און ארויפקומען צו איר און איר דערציילן וואס עס האט פאסירט, פארוואס גייט ער אנגעטון מיט א זאק אויף די פלייצע.

אבער מרדכי הצדיק האט נישט געוואלט קומען. ער האט נישט געוואלט איבערנעמען די קליידער פון דער שליח.

פארוואס טאקע האט מרדכי נישט געוואלט אננעמען די קליידער פון דעם שליח? מרדכי הצדיק וואלט געדארפט מאכן השתדלות ביי אסתר המלכה.

א שיינער דערהער זאגט דערויף **דער חארקובער רב רבי אברהם ישראל משה סאלאמאן:**

מרדכי הצדקי האט חושש געווען אז אויב כלל ישראל וועט זען מרדכי הצדיק און ער גייט נישט ארום מיט זיין זאק אדער ער טוט עס אויס אפילו פאר א שטיק צייט וועלן זיי זיך איינרעדן אז ער האט שוין געמאכט השתדלות ביי אחשורש, אז די ישועה איז שוין נישט דא און די תפילה וועט שוין נישט די זעלבע.

מרדכי האט נישט געוואלט אז כלל ישראל זאל טראכטן אזוי און וועגן דעם האט ער נישט געוואלט אויסטון די זאק - אפילו פאר א קורצער צייט - אז די תפילות זאלן זיין מיט'ן גאנצן ברען.

ענליך צו דעם האט געזאגט **דער משגיח רבי חיים פרידלענדער:**

מרדכי הצדיק האט געוואוסט אז די גזירה זאל בטל ווערן איז בעסער און וויכטיגער איין מינוט פון תפילה מער ווי די בעסטע השתדלות - ווייל די כח פון תפילה איז אסאך גרעסער.

וועגן דעם האט ער אפגעזאגט די בקשה פון התך אוועקצוגעבן צייט פאר השתדלות - אין די זעלבע צייט וועט ער קען אניאגן צו דאווענען נאך.

די בחינה איז אויך מדוייק אין די ווערטער וואס שטייט דארט, די לשון איז 'ולא קיבל' און ווי דער גר"א זאגט האט מרדכי נישט געוואלט מסיח דעת זיין פון תפילה פאר א רגע, נאר בלייבן אנגעבינדן אין תפילה.

'נתיבות הקודש' עה"ת ומועדים עמ' קכה;
'שפתי חיים' מועדים ב' עמ' קפ

## להתחזק בתפילה עד גמר הישועה

**"אִם מִזֶּרַע הַיְּהוּדִים מָרְדֳּכַי אֲשֶׁר הַחִלּוֹתָ לִנְפֹּל לְפָנָיו לֹא תוּכַל לוֹ כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו"** (ו יג)

דער מלבי"ם איז מסביר אז דאס האט זרש געזאגט פאר המן און די משפחה מיטגלידער: מיר ווייסן דאך אז מרדכי איז א איד, ביי אידן איז דאך אלעס מיט השגחה פרטית, קיין זאך געשעט נישט במקרה, אז עס האט פאסירט אזא זאך איז א סימן אז ער שלאגט זיך מיט דיר, אז ער דאווענט, אז ער רייסט איין וועלטן און אז ער טוט אזוי וועט מקויים ווערן "אֲשֶׁר הַחִלּוֹתָ לִנְפֹּל לְפָנָיו" און ענדע וועט ער דיר באזיגן "לֹא תוּכַל לוֹ" - אז דו וועסט אים נישט קענען בייקומען.

דו האסט איין עצה, זיי אויך מקיים דער: "נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו" - מאך זיך כאילו ביסט שוין געפאלן פאר אים, אז דו ביסט שוין א געענדיגטער, אז ער האט שוין מצליח געווען דיר צו דערנידערן - אז מדרכי וועט דאס זען וועט ער אויפהערן דאווענען און דאן וועסטו אים קענען באזיגן.

**דער צדיק רבי זאב איידעלמאן** האט דערציילט די פאלגענדע מעשה:

אין די יארן פון די קריג אין ארץ ישראל אין די יאר תש"ח האבן די צוויי זייטן אויסגעהאמערט א פייער שטילשטאנד אויף איין טאג. אין יענער טאג זענען אסאך אידן ארויס פון זייערע הייזער צו שעפן אביסל פרישע לופט און ערלעדיגן וואס זיי האבן געדארפט ערלעדיגן.

אויך דער בריסקער רב זצ"ל איז ארויס אין די גאס צו שעפן אביסל פרישע לופט.

גייענדיג אין גאס האט ער באגעגנט א ברודער פון הרב איידלמאן.

דער בריסקער רב האט זיך אינטערעסירט ביי אים וואס איז דער מצב אין ירושלים? האט מען אים געענטפערט אז היינט איז בעסער - אז נעכטן איז געווען געפערליך ווייל מען האט נישט אויפגעהערט צו באמבאדירן.

ווען דער בריסקער רב האט דאס געהערט האט ער אים אויסגעבעסערט אז די מצב איז פונקט פארקערט, אז היינט איז מער מסוכן ווי נעכטן.

"נעכטן האבן אלע אידן געוואוסט אז זיי זענען אין א צרה. מען האט איינגעריסן רחמי שמים, אבער היינט, מיינט מען אז די מצב איז בעסער. מען דאווענט נישט אזוי שטארק, עס פעלט די תפילות וועלכע זאלן מגין זיין אויף עם ישראל.

דער בריסקער רב האט אויסגעפירט אז דאס איז דער מנהג העולם, ווען מען איז אין א קלעם דאווענט מען מיט די גרעסטע ברען אבער איינמאל עס איז א שטיקל הרחבה לאזט מען נאך, אבער עס דארף נישט זיין אזוי.

דערביי האט ער אנגעצייכנט אז אזוי איז געווען ביי מרדכי הצדיק אז גלייך נאך דעם וואס מען האט אים געמאכט א משנה למלך האט ער נאך אלץ נישט אויפגעהערט צו דאווענען און צו בעטן - ער האט ממשיך געווען צו בעטן ווי חז"ל דרש'נען די פסוק אין מגילה (מגילה טז א) "וַיָּשָׁב מָרְדֳּכַי אֶל שַׁעַר הַמֶּלֶךְ" - "ששב לשקו ותעניתו" - ווייל מען מעג קיינמאל נישט אויפהערן צו בעטן.

'שאל אביך ויגדך' ח"ג עמ' ק

## די תפילה פון מרדכי ווערט געענטפערט גלייך

**"אִם מִזֶּרַע הַיְּהוּדִים מָרְדֳּכַי אֲשֶׁר הַחִלּוֹתָ לִנְפֹּל לְפָנָיו לֹא תוּכַל לוֹ כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו; עוֹדָם מְדַבְּרִים..."** (ו יג-יד)

דער הייליגער דגל מחנה אפרים **רבי משה חיים אפרים מסדליקוב** טייטש אויס די ווערטער:

די גמרא אין מסכת תענית (כה ב) זאגט אז א סימן אז הקב"ה האט ליב ווען אידן זענען מתפלל איז אז די תפילות פון אידן ווערט גלייך געענטפערט.

די בחינה האבן די חכמי המן און זיין פרוי זרש געזאגט פאר המן: "אִם מִזֶּרַע הַיְּהוּדִים... לֹא תוּכַל לוֹ" - אויב איז מרדכי פון די זרע היהודים וועסטו אים נישט קענען בייקומען און ער פירט אויס די סיבה: "כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו - ווייל דו וועסט פאלן פאר זיי און פארוואס איז עס אזוי - עוֹדָם מְדַבְּרִים" - ווייל ווען זיי האלטן נאך אינמיטן רעדן - ווען עס איז נאך 'עודם מדברים' ענטפערט הקב"ה זייער געבעט.

'דגל מחנה אפרים' דרוש לפורים

## די תפילה פון אסתר המלכה

**"וַתַּעַן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וַתֹּאמַר אִם מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ הַמֶּלֶךְ וְאִם עַל הַמֶּלֶךְ טוֹב תִּנָּתֶן לִי נַפְשִׁי בִּשְׁאֵלָתִי וְעַמִּי בְּבַקָּשָׁתִי"** (ז ג)

צוויי שיינע בחינות אין די תפילה פון אסתר המלכה זאגט **דער מהר"ם שיף:**

א. די גמרא זאגט אין בבא קמא (צב א): "כל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר - הוא נענה תחילה" - אז ווען א איד בעט רחמים אויף צווייטער איד און ער דארף אנקומען צו די זעלבע ווערט ער געהאלפן ערשט.

אויף די בחינה האט אסתר המלכה מרמז געווען דא. זי האט געזאגט ווי אזוי וועל איך באקומען מיין בקשה "תִּנָּתֶן לִי נַפְשִׁי בִּשְׁאֵלָתִי"? - מיין שאלה וועט מקויים ווערן דורך: "וְעַמִּי בְּבַקָּשָׁתִי" - אז איך וועל זיך כולל זיין אין עם ישראל מיט מיין בקשה - איך וועל בעטן פאר זיי און אזוי ארום וועט אויך מיין בקשה נתקבל ווערן.

ב. די צווייטע בחינה איז אז עס אזי ידוע אז א תפילה וואס ווערט געזאגט אן כוונה ווערט נישט נתקבל. עס ווערט נישט נתקבל אבער עס ווערט נישט פארלוירן, עס בלייבט הענגען, עסווארט אויף די תפילה פון צדיק, ווען דער צדיק דאווענט מיט כוונה הייבט עס אויף אלע תפילות וואס זענען געזאגט געווארן אן כוונה.

אויף די בחינה האט אסתר המלכה מרמז געווען - זי האט געזאגט: "תִּנָּתֶן לִי נַפְשִׁי בִּשְׁאֵלָתִי" - ווען איך האב מתפלל געווען כראוי איז געשען אז "וְעַמִּי בְּבַקָּשָׁתִי" - אז מיט מיר איז ארויף אין הימל אלע בקשות פון גאנץ כלל ישראל.

דרושים נחמדים ל'מהר"ם שיף'
[נדפס בסוף פירושו למסכת חולין]

# דער הייליגער 'קב הישר'
## ט"ו באדר תע"ב


אלטע מצבות אין דער אור אלטער בית החיים פון פראנקפורט

דער צדיק רבי צבי הירש קוידנאווער איז געבוירן געווארן אין יאר ת"י אין די שטאט ווילנע צו זיין פאטער רבי אהרן שמואל דער בעל 'ברכת הזבח'. אין זיינע יונגע יארן האט ער געלערנט תורה ביי זיין גרויסער טאטע און אויך ביי דעם גרויסן צדיק דער בעל יסוד יוסף, רבי יוסף מדובנא.

אין יענע יארן איז געווען שווערע פראגראמען פון די קאזאקן. די שווערע צרות האבן צוגעברענגט אז זיין האט געמוזט אנטלויפן פון די שטאט. זיי זענען אנטלאפן און נאך דעם וואס דער מצב האט זיך בארואיגט האט זיך זיין משפחה צוריקגעקערט קיין ווילנע.

פאר לאנגע יארן האט ער געוואוינט אין ווילנע. ער האט דארט חתונה געהאט און געהאנדלט און שיין מצליח געווען. בימים ההם האבן די גוים מעליל געווען א בילבול און מען האט איינגעזעצט אין תפיסה, ווען ער איז ארויסגעקומען האט ער פארלאזט ווילנע אויף אייביג.

פון ווילנע האט ער זיך געצויגן קיין פראנקפורט, דארט איז ער באשטימט געווארן אלץ רב אין די שטאט.

זייענדיג אין פראנקפורט האט ער געשריבן זיין ספר 'קב הישר' וועלכע איז געווען גערעכנט אלץ איינס פון די שטערקסטע מוסר ספרים ביים כלל ישראל. דורכאויס די דורות איז עס געווארן איבערגעדרוקט צענדליגע מאל.

אין די הקדמה פון די ספר איז ער מסביר אז זיין נאמען איז מרומז אין דער נאמען פון דער ספר. זיין נאמען 'הירש' איז די אותיות 'הישר' און ק"ב איז על שם די פרקים פון זיין ספרים און עס איז בגימטריא כמנין זיין נאמען 'צבי'.

דער קב הישר איז געווען א גאון וגדול בנסתר. זיין ספר איז פול מיט מאמרים פון זוה"ק.

בשמו פון דער הייליגער קאזשניצער מגיד זאגט מען נאך אז צו לערנען די שטיקער זוה"ק אין דער ספר קב הישר איז מער מסוגל מעורר צו זיין די נשמה - ווי לערנען די זעלבע שטיקער זוה"ק אין ספר הזוהר אליין. ('מאיר עיני חכמים', פרשת אמור).

דער'קב הישר' איז נפטר געווארן אין פראנקפורט ט"ו באדר ב' שנת תע"ב און ער ליגט אין פראנקפורט.

## אין פורים שיינט אן אור וואס איז אן אור ווי די אור פון אמן

אין זיין ספר 'קב הישר' (פרק צו) שרייבט דער מחבר מורא'דיגע הפלגות איבער די גרויסקייט פון אמן און פון די וואונדערליכע שפע וואס עס קומט אראפ ווען מען זאגט אמן.

מיר ברענגען דא אראפ לשונו בקודש:

"כי כל העונה אמן בכוונה וממהר לרוץ לבית הכנסת בשביל עניית אמן - זוכה לאלו שלוש מאות ושבעים נהורין על ידי עניית אמן. וכל המבזה אמן, וקל בעיניו עניית אמן - מקדימין לנשמתו שלוש מאות ושבעים קליפות, רחמנא ליצלן. ומוליכין אותו לחדרי חושך וצלמוות, ועליהם אמר הנביא (ישעיה נ ט): "**עש** יאכלם".

דער 'קב הישר' איז ממשיך און שמועסט אז די דריי הונדערט און זיבעציג נהורין האט געשיינט אויף אסתר המלכה און אלץ א רמז אויף דעם צינדט מען פורים אסאך ליכט און דאס מיינט דער פסוק אין די מגילה (אסתר ח טז): "ליהודים היתה אורה...".

## די ספעציעלע כוונה וואס מען דארף אינזינען האבן ווען מ'זאגט אמן

אין קב הישר (פרק צו) ברענגט דער קב הישר אראפ א כוונה וואס מען זאל איזינען האבן ווען מען זאגט אמן.

פאלגענד זענען מיר מעתיק זיינע ווערטער:

"בכל מצווה ומצווה שאדם עושה, נולדים ונבראים מלאכים קדושים ממנה; ולכל מצווה שנבראים ממנה מלאכים, הם נקראים מחנה של מצווה זו. וזהו פשוט שבכל מצווה שמברכים עליה מתכנסים עליה אותן המלאכים, ועומדים סביבות המברך ושומעים הברכה ועונים אמן. ורמז לדבר: "מלאך" הוא גימטרייה "אמן". ולכן כשישראל עונים בברכה או בקידוש ואומרים אמן, יכוונו לאותם המלאכים שיענו אמן, כי אמן הוא בגימטרייה מלאך".



לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשׂן וִיקָר

# כֵּן תִּהְיֶה לָּנוּ

די פסוק וואס דְּבוֹרָה הַנְּבִיאָה האט געזאגט אין איר שירה נאכ'ן נצחון וואס כלל ישראל האט געהאט אויף די מיליטער פון סיסרא איז געווען: "בִּפְרֹעַ פְּרָעוֹת בְּיִשְׂרָאֵל - בְּהִתְנַדֵּב עָם בָּרְכוּ ה'" (שׁוֹפְטִים ה ב)

דער פסוק האבן חז"ל גע'דרשנ'ט (תנד"א רַבָּה יא) ווי פאלגענד:

"מָה נִתְנַבְּאָה דְּבוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל? אֶלָּא כָּךְ אָמְרָה לָהֶם: בִּזְכוּת מִי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נִפְרָע לְיִשְׂרָאֵל מֵאֻמּוֹת הָעוֹלָם? בִּבְנֵי אָדָם שֶׁהֵם מַשְׁכִּימִים וּמַעֲרִיבִים לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ וְעוֹנִים אָמֵן..." - אז אין זכות וואס אידן שטיין אויף פרי אין שול און ענטפערן אמן ווערט די אומות העולם באשטראפט.

**טייערע אידן!**

כלל ישראל דארף אסאך רחמי שמים געהאלפן צו ווערן פון די אומות העולם. טאג טעגליך שטיין זיי אויף **לכלותינו** אין אזא געהויבענער טאג וועלן מיר נוצן די סגולה פון אליהו הנביא אז בזכות פון עניית אמן ווערן די אומות העולם באשטראפט.

**מיר וועלן זיך פעדערן אין די צופרי שעה'ן און קומען אין שול אריין און ענטפערן 'אמן' און זוכה זיין מכניע צו זיין אלע אונזערע שונאים.**

עס וועט מקויים ווערן דער פסוק: "ואנחנו בשם ה' אלוקינו נזכיר - המה כרעו ונפלו ואנחנו קמנו ונתעודד".

בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה

בְּקוֹל | בְּכַוָּנָה | בְּחַבְרוּתָא